בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דורְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

תש"פ

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען מַאכְן נְדָרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?..............................................א

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר פְּרוּם?..........................................ב

אִיךְ הֶער אַסַאךְ רֶעדְן קֶעגְן מוֹהֲרַ"ש, וְוִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ?........ג

מַיין מַאן אִיז נָאר פַאְרנוּמֶען מִיט מָאוּוִיס, זָאל אִיךְ אִים אָפְּלֶאזְן?..........ה

אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת?.......................................ז

פַאר וֶועם גֶעבּט מֶען יָא צְדָקָה, אוּן פַאר וֶועם נִישְׁט?............................ח

וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שִׁידוּךְ?..............................י

עֶנְדֶערְשׁ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לוֹיפְן צוּ אַן הַצָּלָה רוּף?...... יג

פַארְוָואס דְרוּקְט מֶען נָאר דִי נֵייעֶ סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים? ..................יד

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ הֶפְסֵק?........................................ טז

וְוִי אַזוֹי אִיז מֶען מְיַיחֵד יִחוּדִים?............................................ יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער.................א

אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן...ב

דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער מִיט אַלֶע סָארְט
בִּלְבּוּלִים, אַבִּי עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן.............................................ג

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן.........ד

הַדְרָכָה פַאר אַ טִיטְשֶׁער.......................... ה
אוֹיף צְנִיעוּת דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן. .......... ז
הַדְרָכָה פַאר מֵיידְלֶעךְ. .......................... ז
טְרָאגְן דִי קָמֵיעַ.......................... ט
נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין אַ טֶעלֶעפָאן.......................... ט
אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן. .......................... י׳
דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן קוּקְן מָאוִויס.......................... י״א
אֱמוּנָה בּוֹיעֶט אוֹיף דָאס זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט.......................... י״ב
שְׁטַארְק דִיךְ מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת.......................... י״ג
אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דִיר צוּ טְרֶעפְן לֶערְנֶען פַארְטָאגְס.......................... י״ד
מַאךְ פְרֵיילִיךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. .......................... י״ד
וֶוען מְ׳גֵייט לֵיידִיג, הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין כֹּחַ.......................... ט״ו
אַ גְרָאדֶער מֹחַ אִיז מֶער וִוי גֶעלְט.......................... ט״ו
אַן עֵצָה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. .......................... ט״ז
אַ קִינְד אִיז נִישְׁט דֶער מַחְלִיט אִין שְׁטוּבּ וָואס צוּ טוּן.......................... י״ז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען מַאכְן נְדָרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר פְּלֶעגְט מַאכְן אַסַאךְ נְדָרִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט דָאס אוֹיסְצוּפִירְן. אִיז דָאס גֶעמַאכְט אוֹיךְ פַאר אוּנְז? מֶעג מֶען מַאכְן אַ נֶדֶר אוֹיף אַ זַאךְ וָואס גֵייט זַיין שְׁוֶוער אוֹיסְצוּפִירְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ פִּירְן צוּ מַאכְן נְדָרִים; עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם אוּן מַאכְן אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס מְקַיֵּים זַיין, אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר הָאט גֶעמוּזְט טוּן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זַיין דֶעם נֶדֶר. אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, אַז לוֹיט דִי גְמָרָא אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ צוּ מַאכְן נְדָרִים, וִוי אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי יָא גֶעמַאכְט נְדָרִים? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דָאס מֵיינְט מֶען אַזֶעלְכֶע שְׁלִימַזָל׳נִיקֶעס וִוי אַייךְ; דִי גְמָרָא מֵיינְט מֶענְטְשְׁן וִוי אַייךְ וָואס וֶועלְן נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין דֶעם נֶדֶר, דִי טָארְן נִישְׁט מַאכְן קַיין נְדָרִים, אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער בַּיי מִיר אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט עוֹבֵר זַיין דֶעם נֶדֶר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען״ (עַיֵּין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, אוֹת מט-נ).

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע תַּאֲוָה אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דֶעם - טָאג אַיין טָאג אוֹיס, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מִיט דִי הַנְהָגָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן דֶעם רֶבִּי'ן, דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ מִיט וָואס מֶען קֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיפְ'ן פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ, מַאמֶע לָשׁוֹן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר פְרוּם?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר פְרוּם, אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערְצוּ, וַוייל אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן בַּיי וֶועם מֶען נֶעמְט הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וְכוּ'; זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ מוּטְשֶׁען זִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה וְכוּ' נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת; דָאס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן מֶען פַאלְט נָאכְדֶעם דוּרְךְ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי מַדְרִיכִים אוּן מַדְרִיכוֹת וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת פְּרִישׁוּת מִיט חוּמְרוֹת, אָדֶער דִי וָואס לֶערְנֶען אוֹיס הַנְהָגוֹת פוּן צַדִּיקִים שַׂרְפֵי מַעְלָה פַאר פְּשׁוּטֵי עָם - חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן; מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט זֵיי מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע עוֹנְשִׁים: קְרַאנְקֶע קִינְדֶער, שְׁטוּמֶע קִינְדֶער, בְּלִינְדֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת אוּן אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי הַלָּכָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה
~~~~~~~~~~

זָאגְן בְּפֵרוּשׁ (נְדָרִים כ:) אַז מֶען פַּסְקְ'נְט נִישְׁט אַזוֹי וִוי דִי אַלֶע עוֹנְשִׁים, נָאר מֶען פַּסְקְ'נְט אַז מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער וְכוּ'.

עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ וֶוען מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ פַּאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אַלְץ נָאר וַוייל מֶען הָאט זֵיי מַדְרִיךְ גֶעוֶוען מִיט קְרוּמֶע דֵיעוֹת בְּאִיצְטְלוּתָא דְרַבָּנָן; פַּארְפּוֹילְטֶע שִׁיטוֹת פוּן פַארְקְרוּמְטֶע מֹחוֹת וָואס זֶעט אוֹיס מִיט אַ לָשׁוֹן פוּן אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; וֶוען מֶען זָאל זֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

קוּק נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג; זִי ווִיל טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, זִי ווִיל טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם. זִי מֵיינְט אַז וָואס דִי כַּלָּה טִיטְשֶׁער הָאט אִיר אַיינְגֶערֶעדְט דָאס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם, בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אִיר נִישְׁט אַרָאפְּרַייסְן; מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אִיר, וַוייל זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז הֲלָכָה אוּן וָואס אִיז חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, קוּק אוֹיף אִיר מִיט שֶׁעצוּנְג אַז זִי אִיז פֶּעלְזְן פֶּעסְט מִיט אִידִישְׁקֵייט.

אִיךְ וָואלְט דִיר גֶע'עֵצָה'ט זָאלְסְט אַרִיבֶּער גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס פִירְט זִיךְ עַל פִּי תּוֹרָה אוּן אִיז מַדְרִיךְ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן עַל פִּי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר וֶועט עֶנְק מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת; עֶר וֶועט אִיר מַסְבִּיר זַיין וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן, וֶוען זִי וֶועט עֶס הֶערְן פוּן אִים וֶועט זִי אָפְּלָאזְן אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## אִיךְ הֶער אַסַאךְ רֶעדְן קֶעגְן מוֹהֲרַא"שׁ, וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זי"ע.

אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַ סְבִיבָה וואו עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בְּרֶסְלֶב'עֶ אִידְן, אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אוּן זֵיי רֶעדְן אַסַאךְ קֶעגְן אִים, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. כָאטְשׁ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט בְּסֵדֶר אַז מֶען דַארְף קוּקְן נָאר וָואס אִיךְ בַּאקוּם, וָואס אִיךְ הָאבּ אִין דִי הַאנְט, שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶּער אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ חִיזּוּק אוֹיף דֶעם נוֹשֵׂא, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִישׁ נִישְׁט צוּזַאם אֵיינְס מִיט׳ן צְוֵוייטְן; אַז זֵיי רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן צַדִּיקִים זֶענֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען זִיצְן אִין בְּרֶסְלֶב, זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב, קֶענֶען אַלֶע בְּרֶסְלֶב׳עֶ מֶענְטְשְׁן, וְכוּ׳, וְכוּ׳ - אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב; כָּל זְמַן מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי׳ן אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנד): ״עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם״, אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, ״עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים״, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, ״וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי״, אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; ״כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז״, וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט׳, אָבֶער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

אִיךְ וָואלְט דִיר גֶע׳עֵצָה׳ט אַז דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ גֵיין דַאוֶוענֶען אִין אַ שׁוּל וואוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶ שׁוּל, וִוי אֵיידֶער צוּ זִיצְן מִיט לֵצִים, מְנִיוָולִים, וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב׳עֶ; וַוייל וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת, צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט אִים, זַיינֶע עֲבֵירוֹת שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אִים. מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט כַּמָּה פְּעָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף אִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): ״כָּל

אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה", וָוער עֶס אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער עַזּוּת פָּנִים וִוי אֵיינֶער וָואס דֶערְוַוייגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת?

פָּאלְג מִיר, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט דָארְט מִיט לֵצִים וָואס רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן צַדִּיקִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לח) אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן ווילְן בֶּאֱמֶת רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ אוּן הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי אָנְשְׁרֵייעֶן וֶוען זֵיי רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה, דֶערְפַאר פַארְדְרֵייעֶן זֵיי דִי וֶוערְטֶער כְּאִילוּ זֵיי רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקִים. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, ט): "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם, וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ"; "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם", זֵיי ווילְן בְּאֱמֶת רֶעדְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מוֹרָא, דֶערִיבֶּער: "וּלְשׁוֹנָם תִּהֲלַךְ בָּאָרֶץ", רֶעדְן זֵיי אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת, אָבֶּער בְּאֱמֶת אִיז "שַׁתּוּ בַשָּׁמַיִם פִּיהֶם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט מָאוִויס, זָאל אִיךְ אִים אָפְּלָאזְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי, אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אוּן מַיין מַאן הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן מֶער אוּן מֶער, עֶר זִיצְט בַּיינַאכְט אוֹיף זַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן קוּקְט מָאוִויס, אִינְדֶערְפְרִי שְׁטֵייט עֶר אוֹיף שְׁפֶּעט, עֶר גֵייט נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט וואוּ זַיין אִידִישְׁקֵייט אִיז, עֶס גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

לֶעצְטְנְס שְׁפִּיר אִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פְּשׁוּט פוּן אִים. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל אִים צוּ זָאגְן וִוי שְׁטַארְק אִיךְ שֶׁעם וֶוען עֶר דַאוֶונְט אוּן לֶערְנְט, אוּן אִיךְ זָאג אִים אוֹיךְ עֶר זָאל לֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיף זַיין טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט.

אִיךְ זָאג אַסַאךְ תְּהִלִּים פַאר אִים, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ פְּלַאץ שׁוֹין אוּן אִיךְ וִויל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אַייעֶר שְׁאֵלָה; אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא צוּ צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם וָואס פַאלְט אַרַיין אִין דִי בְּלָאטֶע פוּן קוּקְן מָאוִוי"ס; וֶוען מֶען קוּקְט מָאוִויס וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן. אַזוֹי וִוי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען (עֶדִיקְטֶעד) צוּ דְרָאגְס, אַלְקָאהָאל וְכוּ'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, דֶער מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע עֶקֶלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

אִיר הָאט אֵיין עֵצָה: בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אִים, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דֶעם "שִׁכְרַת וְלֹא מִיָּיִן" (יְשַׁעְיָהוּ נא, כא), וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד. תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי גְרוֹיס אוּן אַזוֹי וואוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס הֶעלְפְט אוֹיף אַלֶעס, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוֹיס צוּ וַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

אִיךְ וֵוייס אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ פְרוֹיעֶן אִין אוּנְזֶער דוֹר, וָואס הָאבְּן גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע צָרָה וָואס אִיר הָאט אוּן נָאךְ מֶער, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם מַאן אוּן גֶעווִיזְן לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ', אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט; וֶוען דֶער מַאן פְלֶעגְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ פְלֶעגְן זֵיי קַייכְן אוֹיפְ'ן קוֹל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר לַאנְגֶע חֲדָשִׁים אוּן יָארְן, אוּן וֶוען דֶער מַאן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן דֶעם פָּנִים אוּן גֶעמַאכְט שֵׁיין כְּאִילוּ לֹא הָיָ', זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפִירְט, זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זֵייעֶר מַאן צוּ אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶע אִיד אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי אִים אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן.

...

~~~~~~~~~~~

## איז נאָך דאָ אַ וועג אַרויס פון מיינע עֲבֵירוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך בין אַ יונגער בָּחוּר און איך פאל אַסאך דורך אין פְּגַם הַבְּרִית, איך קוק אַסאך שְׁלעכטע זאכן, און איך בין אויך מְטַמֵּא אַנדערע בָּחוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן, איך זע שוין באלד נישט קיין וועג אַרויס. אֶפְשָׁר קען דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מיך ראטעווען.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

איך האָב ערהאַלטן דיין בְּרִיווּ.

טוּ תְּשׁוּבָה און הער אויף נאָכלויפן אַנדערע בָּחוּרִים.

אויב דו וועסט נישט תְּשׁוּבָה טון וועסטו ווערן פארשעמט ביי אַלעמען און עס וועט אַרויסגיין אויף דיר אַ שְׁלעכטע נאָמען; קיינער וויל נישט האָבן צו טון מיט אַ קראַנקער מענטש וואָס לויפט נאָך בָּחוּרִים און קינדער, אַלע וועלן זיך אָפּשאָקלען פון דיר ווי מען שאָקלט זיך אָפּ פון אַ מְצוֹרָע; וואו דו וועסט גיין און שטיין וועט מען רעדן אונטער דיין רוקן אַז דו ביסט אַ קראַנקער. אויך קענסטו כאַפּן קלעפּ; אויב אַ טאַטע אָדער אַ ברודער פון אַ בָּחוּר וועט זיך דערוויסן וואָס דו טוסט מיט זיין זון/ברודער וועט ער דיר געבן קלעפּ און מען וועט דיר צעברעכן דיינע ביינער. אָפּגערעדט אַז דו וועסט נישט קענען חֲתוּנָה האָבן, קיינער וועט נישט נעמען פאַר זיינ'ס אַ טאָכטער אַ בָּחוּר וואָס טוט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן; פרעג איך דיר: "וואָס פעלט דיר אויס צו ווערן פארשעמט און אויסגעשפּילט?" ענדערש טוּ תְּשׁוּבָה און לאָז אָפּ בָּחוּרִים.

איך בעט דיר האָב רַחֲמָנוּת אויף דיין לעבן; דו ביסט אַ יונגער בָּחוּר, אַ יונגע ביימעלע, דו קענסט האָבן אַ גוט לעבן, פאַרוואָס זאָלסטו זיך אַליינס הרג'נען דיין לעבן, פאַרוואָס זאָלסטו שטאַרבן יונג? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", ווער עס זינדיגט אין פְּגַם הַבְּרִית, ער איז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, איז חַיָּיב מִיתָה; "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רַבִּי יִצְחָק און רַבִּי אַמִּי זאָגן, דאָס איז אַזוי ווי איינער איז עוֹבֵר אויף רְצִיחָה און שְׁפִיכַת דָּמִים; "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִּי זאָגט אַז דאָס איז אַזוי ווי
~~~~~~~~~~~

אֵיינֶער דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

הֶער אוֹיף קוּקְן עֲבֵירוֹת אוּן וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן; וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעבְּלֶעט אוּן לָאז אָפּ דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים - וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען.

אוֹיבּ דוּ ווילְסְט קֶענְסְטוּ נָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען בְּלֶעטֶער גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, סְתַּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אָפְּצוּוַאשְׁן פוּן דִיר אַלֶע אַלְטֶע חֲטָאִים.

מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְלֶעקְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט אַז מִשְׁנַיוֹת אִיז אַזוֹי וִוי סְטִילְוָואל וָואס קְרַאצְט אַרָאפּ אַלֶע שְׁמוּץ פוּן אַ שְׁמוּצִיגֶע כֵּלִי, וֶוען מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט מֶען זוֹיבֶּער אוּן רֵיין. אוּן גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִפּוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דֶער נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

~~~~~~~~~~~

**פַאר וֶועם גֶעבְּט מֶען יָא צְדָקָה, אוּן פַאר וֶועם נִישְׁט?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם שֵׁיין פַּרְנָסָה אוּן אִיךְ טֵייל אַסַאךְ צְדָקָה, אַסַאךְ מָאל זֶעט מִיר אָבֶּער אוֹיס אוֹיף גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט פַאר אַן עֶכְטֶע צְוֶועק, נָאר זֵיי זָאגְן סְתַּם אַ צְוֶועק צוּ מַאכְן גֶעלְט, וֶוען אִיךְ זֶע אַזַא מֶענְטְשׁ גֶעבּ אִיךְ אִים גֶעוֶועגְלִיךְ גָארְנִישְׁט.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ טוּ רִיכְטִיג, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן פַאר וֶועמֶען יָא צוּ גֶעבְּן אוּן פַאר וֶועמֶען נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְּן צְדָקָה דַארְף מֶען אַסאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי, וֶוען, אוּן וואוּ צוּ גֶעבְּן דִי צְדָקָה. וַוייל מִיר גֶעפוּנֶען (בָּבָא בַּתְרָא ט:) יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעשָׁאלְטְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט אֲנָתוֹת אַז אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֶעבְּן צְדָקָה זָאל עֶס נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִי רִיכְטִיגֶע צְדָקָה, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֲפִילוּ בְּשָׁעָה שֶׁכּוֹפִין אֶת יִצְרָן וּמְבַקְשִׁין לַעֲשׂוֹת צְדָקָה לְפָנֶיךָ", אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֶעבְּן צְדָקָה, "הַכְשִׁילֵם בִּבְנֵי אָדָם שֶׁאֵינָן מְהוּגָנִין", זָאל דִי גֶעלְט אָנְקוּמֶען אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, "כְּדֵי שֶׁלֹּא יְקַבְּלוּ עֲלֵיהֶן שָׂכָר", כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׂכַר; עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל מֵיינֶען אַז עֶר גֶעבְּט צְדָקָה אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט עֶר נָאךְ נִישְׁט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וַוייל דִי גֶעלְט קוּמְט אָן צוּ אַ שַׁקְרָן, אַ רַמַּאי, אַ צָבוּעַ'נִיק.

וֶוען מֶען קוּמְט דִיר בֶּעטְן צְדָקָה אוּן דוּ וֵוייסְט נִישְׁט צִי דָאס אִיז אֱמֶת אָדֶער אַ צָבוּעַ'נִיק, אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן עֶפֶּעס אָדֶער יֶענֶעם מְפַיֵּיס זַיין; קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּזָּיוֹן, מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט. מֶען קֶען יֶענֶעם מְכַבֵּד זַיין מִיט אַ טְרִינְק, מִיט עֶסְן וְכוּ', אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה וִוי צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַּאר סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, הֲלָכָה ה', אוֹת לו): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קיט, קמב): "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם, וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת", וֶועלְכֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג? וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִימוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק וָואס אִיז מְגַלֶּה תּוֹרַת אֱמֶת, עֶר וַוייזְט פַּאר אַלֶעמֶען אַז מֶען קֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

בִּפְרָט אִין אוּנְזֶער דוֹר וואוּ מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אַ וֶועלְט וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת. עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט יֶעדֶע רֶגַע אַזוֹיפִיל עֶקְלְדִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע מַאגַאזִינֶען וְכוּ', עֶס וֶוערְט פַארְשְׁפְּרֵייט אַזוֹיפִיל מָאוִויס אוּן וִוידִיאָוס פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען קֶען אַזוֹי גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אַוֶועק גֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבְּן אַ כֹּחַ אוּן בְּרֶענְגֶען צוּרִיק

אַזוֹיפִיל אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְלֶעצֶער; אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה ווִי דְרוּקְן דִי סְפָרִים.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס גֶעבְּט זַיין צְדָקָה צוּ קֶענֶען דְרוּקְן דִי סְפָרִים, בִּפְרַט אַז עֶר הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן - וָואס עֶס אִיז אַרוֹיס גֶענוּמֶען דִי תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין גְרִינְג צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין וַוייט פַארְקְרָאכְן - אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶער'ס פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן לֵיינֶען מַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ תְּשׁוּבָה [זֶע דִי בְּרִיוו צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אִיךְ בִּין דִי מֵיידְל וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן אַז אִיךְ ווִיל דַוְקָא אַ חֲסִידִי'שֶׁע בְּרֶסְלֶב'עֶ שִׁידוּךְ, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְווִישֶׁע שְׁטוּב אִיז עֶס שְׁוֶוער פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז מֶען דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיב דֶער בָּחוּר הָאט גוּטֶע מִדּוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס מַאכְט נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ דֶער בָּחוּר בַּאלַאנְגְט, ווִיל אִיךְ יֶעצְט אַבִּיסְל בֶּעסֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְוָואס אִיךְ דַארְף דַוְקָא אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ.

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב בַּאלַאנְגְט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, מֶען רֶעדְט אוֹיף אַלֶע קְרַייזְן אוֹיף דֶער ווֶעלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וַוארֶעמְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט סֵיי אִין עֲבוֹדַת ה' אוּן סֵיי סְתַּם אִין לֶעבְּן, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא בַּיי אוּנְז אִין נָאר חוּמְרוֹת, מֶען ווֶעט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דְאוֹרַיְיתָא'ס, פַארְשֶׁעמֶען מֶענְטְשְׁן אוּן צֶעשְׁטֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, בְּלוֹיז צוּלִיב אַ וַוייטֶע חוּמְרָא, אוּן בִּכְלַל גֵייט אַלֶעס צוּ מִיט קוֹלוֹת אוּן קְלֶעפּ.

אַזוֹי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוואקְסְן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין לֶעבְּן אִיז גֶעווֶען בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, וּבִפְרַט ווֶען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן ווֶערְן עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער אוּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן גָאר שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אוּן דֶערְבִּיטֶערְט.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ טֶערַאפִּיסְט זִי זָאל מִיר הֶעלְפְן, זִי הָאט אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ דִי זַאךְ, זִי הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, אוּן אַזוֹי אִיז מַיין מַצָּב גֶעוָוארְן נָאךְ עֶרְגֶער, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער דֶעפְּרֶעסְט. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַ נַייעֶ מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אוּן דָאס הָאט מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אוֹיב ווִיל מֶען זַיין גֶעזוּנְט אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גֶעשְׁמַאק, מוּז מֶען
~~~~~~~~~~

הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְגֵיין. מִמֵּילָא וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, וויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן אַ מַאן וָואס אִיז אוֹיךְ אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, עֶר לֶעבְּט אוֹיךְ מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, און אִיךְ וויל אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאל אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא חִינוּךְ. אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶעְרֶעסִירְט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַ קַאלְטֶער בָּחוּר, און צוּרִיקְפַאלְן צוּ מַיינֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן, און פַארְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן פוּן מַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וויל ווִיסְן וָואס אִיךְ קֶען יָא טוּן צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שִׁידוּךְ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס שְׁנֶעלֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס אִיר ווִילְט און וָואס אִיר דַארְפְט; זָאגְטְס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן בְּרִיוו, זָאגְטְס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, וואוּ אִיר זֶענְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, ווִי מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַלֶעס, מֶען לַאכְט פוּן יֶעדְן און מֶען קְרִיגְט זִיךְ וְכוּ', אוֹיךְ דֶערְצֵיילְטְס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק אִיר ווִילְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטוּב, אַ שְׁטוּב וָואס וֶועט זִיךְ פִירְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ הֶעלְפְן.

תְּפִילָה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, זֵייעֶר גְרוֹיס און הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען, אֲפִילוּ טוֹישְׁן אַ שִׁידוּךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ט): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִווּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן, מֶען קֶען אֲפִילוּ טוֹישְׁן אַ שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל.

עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען וָואס אִיר דַארְפְט.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## [דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

## מֶעג אִיךְ אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל יֶענֶער אִיז נִישְׁט חַסִידִישׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן אַ לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער מַיין הַארְץ הָאט אַלְץ גֶעצוֹיגְן צוּ דִי חַסִיד'ישֶׁע דֶּרֶךְ, אוּן לֶעצְטְנְס אוֹיךְ צוּ דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ דֶּרֶךְ, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער אִיךְ הָאב אַסַאךְ סְפֵיקוֹת אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג אַז אַ מֵיידְל זָאל זִיךְ אַלֵיין אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיר טַאטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה.

אוֹיךְ וֶועגְן שִׁידוּכִים בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט. אִיךְ בִּין 24 יָאר אַלְט, שׁוֹין כִּמְעַט צְווֵיי יָאר אִין שִׁידוּכִים, אוּן אִיךְ וִויל זֵייעֶר אַ חַסִיד'ישֶׁע שִׁידוּךְ, אוּן יֶעצְט אוֹיךְ אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אָפִּיצִיעֶל בְּרֶסְלֶב אָבֶּער כָאטְשׁ אִין הַארְץ זָאל עֶר הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ דֶּרֶךְ, אָבֶּער אִיךְ ווייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין מַיינֶע גֶעפִילְן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר וַוייט אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, אוּן אִיךְ ווייס נִישְׁט אוֹיב זֵיי וֶועלְן הַאלְטְן דֶערְבַּיי. עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶערֶעדְט עֶטְלִיכֶע לִיטְווישֶׁע שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאב זֵיי פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן אַז אִיךְ וִויל עֶפֶּעס מֶער חַסִידִישׁ, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ וִויל.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיב עֶס אִיז רִיכְטִיג אָפְּצוּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ גוּטֶער בָּחוּר אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט חַסִידִישׁ, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין אִין לֶעבְּן מִיט אַ טְרוּקֶענֶעם לִיטְוָואק.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן הָאבְּן דֶעם טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ׳; וֶוער הֵייסְט אַייךְ אָפְּלָאזְן זֵייעֶר וֶועג? אִיר דַארְפְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, בְּלַייבְּט וִוי אַזוֹי אַייעֶר מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ אוּן נֶעמְט דִי עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן.

בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט קַיין שׁוּם חֲסִידוּת אוּן אָפְּשְׁטַאם; בְּסַךְ הַכֹּל וִויל דֶער רֶבִּי אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי וִויל אֵיין זַאךְ פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע צַייט;

מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וְוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ וְכוּ' אוּן אַז וְויפִיל מָאל מֶען וויל זַיין גוּט וְכוּ' גֵייט עֶס נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ אָפְּזָאגְן שִׁידוּכִים; אִיר זֶענְט שׁוֹין פִיר אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוֹיף וָואס וַוארְט אִיר? פַארְוָואס זָאגְט אִיר אָפּ שִׁידוּכִים? וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה אוּן הָאבּ חֲתוּנָה; מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

אַז מֶען טְרָאגְט אַייךְ אָן אַ גוּטֶער בָּחוּר זָאלְט אִיר זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִים אוּן זֶען זַיינֶע מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

[~~~~~~~~~~

### עֶנְדֶערְשׁ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לוֹיפְן צוּ אַן הַצָּלָה רוּף?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אִינְדֶערְהֵיים אוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, ווי אֵיידֶער אַרוֹיסְצוּגֵיין הֶעלְפְן חֲבֵרִים, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַ שְׁטֵייגֶער ווי דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס "הַצָּלָה", "שׁוֹמְרִים", "חֲבֵרִים", אוּן דָאס גְלַייכְן.

אִיךְ בִּין אַן הַצָּלָה מַאן, אוּן אִיךְ דַארְף אַסַאךְ מָאל אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אִידְן, ווי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶוען אִיךְ דַארְף יָא גֵיין, אוּן וֶוען אִיךְ דַארְף עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק מִיט דֶעם וָואס דוּ רַאטֶעוֶועסְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ בִּיסְט אַן הַצָּלָה מַאן אוּן דוּ גֶעבּבְּסְט זִיךְ אַוֶועק צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְפְּסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ הֶעלְפְּן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז אָנְגֶעוּוֹיזְן אוֹיפְ'ן מַאן מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "הֶעלְפְּן אַנְדֶערֶע". אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פוּן גֵיין הֶעלְפְּן אַנְדֶערֶע הָאט מֶען דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְּן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וֶוען יָא צוּ גֵיין אוּן וֶוען נִישְׁט צוּ גֵיין; וֶוען מֶען רוּפְט דִיר צוּ רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן, ווִי לְמָשָׁל אֵיינֶער הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט, אֵיינֶער אָטֶעמְט נִישְׁט - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען לוֹיפְן וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְזוּימֶען קַיין רֶגַע, אָבֶּער וֶוען מֶען רוּפְט דִיר אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן, צֶעבְּרָאכְן אַ בֵּיין וְכוּ', וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶוענְדְט זִיךְ דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ; אוֹיבּ דַיין וַוייבּ אִיז אָנְגֶעוּוִיזְן אוֹיף דִיר דַארְפְּסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן לָאזְן דִי מִצְוָה פַאר אַ צְוֵוייטְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶס אַסַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, סַיי דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן סַיי דִי שְׁוֶועריקַייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וֶוערְט אִים זַיין מֹחַ קְלָאר, עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן בַּיי יֶעדֶע פַאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### פַארְוָואס דְרוּקְט מֶען נָאר דִי נֵייעֶ סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי אַסַאךְ מָאל הַפָּצָה נָאךְ דִי אַרְבֶּעט, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר אַסַאךְ מָאל אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, ווִי לְמָשָׁל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אָדֶער לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבּ אִיךְ נָאר דִי קוּנְטְרֵסִים. הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי קֶרֶן הַדְפָסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דְרוּקְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, נָאר בְּעִיקָר דִי נַייעֶ סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים.

יִיַשֶׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט הַפָּצָה, דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַ״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַזַא גְרִינְגֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין אִין יֶעדֶע מַצָּב ווִי עֶר זָאל זִיךְ נָאר גֶעפוּנֶען. מוֹהֲרַ״ש הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן רֶבִּי נָתָןְ׳ס סְפָרִים אוּן מִיט אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ, אַ כֹּחַ פוּן הִימְל דָאס אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹי נִידְרִיג אַז פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן ווִי מִיר זֶענֶען, זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אִין דֶעם; מִיר זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן טוּן דִי עֵצוֹת אוּן לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אָנְהֵייבּ הָאט מוֹהֲרַ״ש גֶעדְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן הַיינְט קֶען מֶען שׁוֹין בַּאקוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט. מוֹהֲרַ״ש הָאט גֶעזָאגְט אַז הַיינְט דַארְפְן מִיר שׁוֹין נִישְׁט דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים ווייל אַנְדֶערֶע דְרוּקְן דָאס שׁוֹין אוּן מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען אִיבֶּעְרָאל; מִיר דַארְפְן בְּעִיקָּר דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ׳ אַלֶעמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ ווייטֶער מִיט הַפָּצָה; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעטֶע נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ״ח:): ״תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״, קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא״, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל ווערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף דַיין זְכוּת. ״וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי״, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, ״וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי״, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידַן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי״, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי

בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ הֶפְסֵק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזוּק, אוּן עֵצוֹת, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה מִיט דֶעם, עֶס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן זַיין נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט שִׂמְחָה אוּן גֶעשְׁמַאק. בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דָאס הַאלְט מִיר מַמָּשׁ בַּיים לֶעבְּן, אִיךְ רֶעד צוּ אִים וֶוען אִיךְ קֶען, סְפֶּעצִיֶעל וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיפְ'ן גַאס אוּן אוֹיךְ בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה נָאךְ יִהְיוּ לְרָצוֹן.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מוּסָף הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וַוייל מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט מַפְסִיק זַיין צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת, וויל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס הֵייסְט טַאקֶע אַן הֶפְסֵק [זֶע בַּייגֶעלֵייגְט נָאךְ אַ בְּרִיוו וָואס בַּאצִיט זִיךְ צוּ דֶעם שְׁאֵלָה].

אוֹיךְ וֶוען מֶען הָאט גֶעזָאגְט יוֹצְרוֹת הָאב אִיךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ; אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאב גֶעשְׁפִּירְט מֶער אַ גֶעשְׁמַאק צוּ רֶעדְן פוּן מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי צוּ זָאגְן דִי יוֹצְרוֹת וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט דִי טַייטְשׁ פוּן דֶעם.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעבִּי'ן, דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד סַיי אוֹיפְ'ן גַאס אוּן סַיי בַּיים דַאוֶוענֶען. אַזוֹי ווִי דֶער רֶעבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי בִּיז וֶוען מִיר גֵייעֶן שְׁלָאפְן - זָאלְן מִיר שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צו).

דֶער רֶעבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י) עֶר אִיז צוּ גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; נָאךְ הָאט דֶער רֶעבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) עֶר
~~~~~~~~~~

הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסאךְ צַדִיקִים אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת, זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדְן נָאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק; אֲפִילוּ דָארְט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין מֵיינְט מֶען נִישְׁט מַפְסִיק זַיין מִיטְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט שְׁמוּעֶסְן אוּן רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אוּן מוּז מֶען רֶעדְן וואוּ אִימֶער מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ; אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, זֵייעֶר דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

[דִי בְּרִיוו וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן בְּרִיוו (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א', סִימָן סג):

**מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁעָבְרוּ עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַ שְׁאֵלָה. וֶוען מֶען דַאווְנְט דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶעג מֶען דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ הֶפְסֵק צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווארוּל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ טוּסְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק): "מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי
~~~~~~~~~~

אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען זָאל אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן - אַלֶע יְרִידוֹת, אַלֶע נְפִילוֹת און אַלֶעס וָואס טוּט וֵויי פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן צו): "אֲפִילוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר כְּלָל, אֲפִילוּ כְּשֶׁמְּדַבְּרִין רַק דִּבּוּר אֶחָד, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין דִיבּוּרִים וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נָאר זָאגְן אֵיין וָוארְט, אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט): "עִקַּר הַחִיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי'", דֶער גַאנְצֶער חַיּוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב) אַז תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַ מֶענְטְשׁ אָן אַ נָאז קֶען נִישְׁט לֶעבְּן, וַוייל מֶען אָטֶעמְט פוּן דִי נָאז, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ לֶעבְּן מִיט תְּפִלָּה אַז עֶס זָאל זַיין בַּיי אִים מַמָּשׁ וִוי אָטֶעמֶען; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ יֶעצְט קֶען מֶען יָא אָטֶעמֶען, יֶעצְט קֶען מֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען, אָטֶעמֶען דַארְף מֶען אַ גַאנְצְן צַייט, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע מִינוּט און יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע - אַ גַאנְצְן טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, און דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין הֶפְסֵק. פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיז אִים דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט בַּיי אִים שְׁטֶערְקֶער זַיין אֱמוּנָה, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְּן אִים, און דֶעמָאלְט וֶועט עֶר גָאר אַנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעווּיסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוְונְט, און עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט עֶר גֶעדַאוְונְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און עֶר וָואלְט מְכַוֵּין גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַלְטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים וָואס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַ שׁוּסְטֶער, זֵייעֶר אַ

פָּשׁוּט׳ער איד, וֶוען מֶען פְלֶעגְט אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט, הָאט מֶען גֶעזֶען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע בִּילְד פַאר זִיךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֵיין אוּן הַאקְן מִיטְן הַאמֶער אוֹיף דִי שִׁיךְ אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְטִיפְט אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט בַּאמֶערְקְן וִוי אֵיינֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט.

וֶוען עֶר פְלֶעגְט בַּאמֶערְקְן וִוי אֵיינֶער שְׁטֵייט דָארְט, פְלֶעגְט עֶר אָפְּשְׁטֶעלְן דִי אַרְבֶּעט אוּן פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט שִׁיךְ, אוּן וֶוען מֶען כַאפְּט אָן שִׁיךְ וֶוערְט מֶען טָמֵא, אוּן אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי אִיךְ מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דִי שִׁיךְ?" מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶב׳עֶ אִידְן, וָואס אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, אוּן אַלֶע הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּיסְט וָואס אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן.

בְּשַׁעַת מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אִינְמִיטְן שִׁיעוּר הָאט אַ אִינְגֶערְמַאן אַרַיין גֶעפְרֶעגְט: "לְמַעֲשֶׂה מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען, אָדֶער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט?" אוּן מוֹהַרָא"שׁ הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז בְּגֶדֶר 'הֲלָכָה וְאֵין מוֹרִין כֵּן'"; דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז מֶען זָאל אַזוֹי טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

[~~~~~~~~~~]

### ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְיַיחֵד יִחוּדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בְּרֶענְגֶען פוּנֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז מְיַיחֵד צוּ זַיין יִחוּדִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן דָאס צוּ טוּן, אוּן ווִי אַזוֹי ווֵייסְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס רִיכְטִיג.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא; טְרַאכְט פוּן אוֹת י׳, אוֹת ה׳, אוֹת ו׳ אוּן אוֹת ה׳. אוּן לֵייג דָאס צוּזַאמֶען פַאר דַיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ב) אַז אַלְס אִינְגל פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג פְּרוּבִּירְן צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְקַיֵים דֶעם (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוֹיסְצוּמָאלְן דִי אוֹתִיוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען פַאר זִיךְ, דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען מִיט הַאלְטְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּבִּיסְלִיךְ וֶועסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶעם, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער; זָאלְסְט מְיַיחֵד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען מִיט דִי פִיר וֶועגְן דוּרְךְ דֶעם מִלּוּי פוּן ע"ב, ס"ג, מ"ה אוּן ב"ן; דֶער אוֹת י׳ אִיז דֶער מִסְפָּר צֶען, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס יו"ד וֶוערְט דָאס צְוָואנְצִיג, אוּן אַזוֹי מִיט דִי אַנְדֶערֶע אוֹתִיוֹת; זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וִוי דוּ זֶעסְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע פִיר אוֹתִיוֹת אָנְגֶעפִילְט מִיט דֶעם אוֹת יו"ד, אַזוֹי: יו"ד, הֵ"י, וָי"ו, הֵ"י; וָואס צוּזַאמֶען בַּאטְרֶעפְט דָאס צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג (ע"ב). נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וִוי דוּ זֶעסְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשְׁרִיבְּן דְרֵיי אוֹתִיוֹת אָנְגֶעפִילְט מִיט דֶעם אוֹת י׳, אַזוֹי: יו"ד, הֵ"י, וָא"ו, הֵ"י; וָואס צוּזַאמֶען בַּאטְרֶעפְט דָאס דְרֵיי אוּן זֶעכְצִיג (ס"ג). נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וִוי דוּ זֶעסְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשְׁרִיבְּן דִי אוֹתִיוֹת אָנְגֶעפִילְט מִיט דֶעם אוֹת א׳, אַזוֹי: יו"ד, הֵ"א, וָא"ו, הֵ"א; וָואס צוּזַאמֶען בַּאטְרֶעפְט דָאס פִינְף אוּן פֶערְצִיג (מ"ה). נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וִוי דוּ זֶעסְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעשְׁרִיבְּן דִי אוֹתִיוֹת אָנְגֶעפִילְט מִיט דֶעם אוֹת ה׳, אַזוֹי: יו"ד, הֵ"ה, וָ"ו, הֵ"ה; וָואס צוּזַאמֶען בַּאטְרֶעפְט דָאס צְוֵויי אוּן פִיפְצִיג (ב"ן).

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז מְיַיחֵד אַ יִחוּד, מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה וֶוען מֶען אִיז מְיַיחֵד זַיין נָאמֶען; אִין אָנְהֵייבּ אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג, וַוייל אוּנְזֶער גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פוּל מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אָבֶּער וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס, עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דֶעמָאלְט לַייכְט אִים דִי אַלֶע שֵׁמוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס קֶען כָאטְשִׁיג אֵיינְמָאל אַ טָאג מְיַיחֵד זַיין דִי אַלֶע שֵׁמוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן בַּיי אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים וֶועט דִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט דַיין אַרְבֶּעט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן קִידוּשׁ מַאכְן וְכוּ׳; דוּ קֶענְסְט אַלֵיינְס מַאכְן קִידוּשׁ אוּן עֶסְן מְזוֹנוֹת וְכַדּוֹמֶה, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן זַיין הוּנְגֶערִיג בִּיז דַיין טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים אוּן דִי סְעוּדָה וֶועסְטוּ מִיט עֶסְן מִיט אִים. הַבְדָּלָה קֶענְסְטוּ יוֹצֵא זַיין פוּן דַיין בְּרוּדֶער וְכוּ׳ אֲפִילוּ עֶר זָאגְט נִישְׁט קְלָאר דִי וֶוערְטֶער.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ אַ מֵיידְל מֶעג אַרָאפּ נֶעמֶען דִי הָאר וְכוּ׳; מֶען מֶעג אַרָאפּ נֶעמֶען דִי הָאר אוּנְטֶער דִי הֶענְט, דֶער אִיסוּר אִיז נָאר פַאר מֶענֶער.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן גֵיין עֵדוּת זָאגְן וְכוּ׳; שְׁטֵיי אַוֶועק פוּן דִי אַלֶע זַאכְן. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט; דִי אַלֶע וָואס שֶׁעלְטְן קְלָלוֹת אוּן רֶעדְן פוּן קְפֵידוֹת דִי ווִילְן סְתָּם דֶערְשְׁרֶעקְן, בַּיי דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קי׃): ״כָּל דְּקָפִיד קָפְדֵי בְּהַדֵיהּ וּדְלָא קָפִיד לָא קָפְדֵי בְּהַדֵיהּ״, וֶוער עֶס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן דֶעם, וֶוער עֶס לַאכְט זִיךְ אוֹיס - וֶועט עֶס אִים נִישְׁט שָׁאטְן.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס צוּ טוּן שַׁבָּת וְכוּ׳; נֶעם דִיר אַ תְּהִלִּים אוּן זִינְג דִי קַאפִּיטְלֶעךְ וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזִינְגֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט חַיּוֹת אִין וַואלְד. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, אִיז אִים גוּט גֶעוָוארְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רנ; חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט) אַז יֶעדֶע מֶענְטְשׁ

פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס מִיט שְׁוֶועריִקייטְן, דֶער חִילוּק אִיז וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס; אֵיינֶער קְרֶעכְצְט טָאג אוּן נַאכְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס מַאכְט אִים פִיל עֶרְגֶער זַיין מַצָּב, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אִים נָאכְדֶעם גְרִינְגֶער.

אֱמֶת, דַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; דוּ ווִילְסְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן דַיין לֶעבְן, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן, זָאלְסְט זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן אוֹיף אַלֶעס גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע אַז דַיין בְּרוּדֶער גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, צִי דִי עֶסְן וֶוערְט טָמֵא; אַ אִיד אִיז בְּחֶזְקַת כַּשְׁרוּת, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם, דֶער עִיקֶר זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין אַז דוּ אַלֵיינְס זָאלְסְט אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע וְכוּ'; זָארְג נִישְׁט וְכוּ', נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ שֵׁיין חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הֶערְן פוּן דַיין מַאן גוּטֶע וֶוערְטֶער. יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל עֶס קוּמְט זִיךְ דִיר אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקייטְן, מִיט אַלֶע בִּיטֶערֶע טֶעג וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד בִּכְלַל אוּן יֶעדֶע תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בִּפְרַט קוּקְט מֶען נָאךְ מִיט טוֹיזְנְט אוֹיגְן, דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִּיק; מֶענְטְשְׁן קוּקְן נָאךְ יֶעדֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אוּן וֶוען מֶען זֶעט ווִי שֵׁיין אוּן אֵיידְל מִיר פִירְן זִיךְ גֵייט אַרוֹיס אַ גוּטֶע
~~~~~~~~~~

נָאמֶען אוֹיפְ׳ן רֶבִּ׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער מִיט אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים, אַבִּי עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וֶועסְטוּ זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. אַלֶע וֵוייטָאגְן וָואס דוּ הָאסְט אוּן אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן קוּמֶען פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: ״וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵייליךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ׳; דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דָאס אִיז נָאר אַ מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר וִוי אַזוֹי דִיר אָפְּצוּקִילְן פוּן זַיין נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ין וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ין הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, רֶבִּי יוּדְל הָאט נִישְׁט גֶעוְוּסְט אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ מְרַחֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִּיק, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַרַיין צוּ גֵיין צוּם רֶבִּ׳ין צוּ דֶערְגֵיין וָואס עֶס גֵייט פָּאר. דְרֵיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ גֶע׳יִשׁוּבְ׳ט: ׳זָאל אִיךְ יָא אַרַיין גֵיין צוּם רֶבִּ׳ין? נִישְׁט אַרַיין גֵיין? מֶען דַארְף מִיר יָא? מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט? אִיךְ שְׁטֶער? אִיךְ לֵייג זִיךְ אָן?׳ וְכוּ׳, וְכוּ׳; מַחְשָׁבוֹת וָואס אַלֶע גֵייעֶן אַרִיבֶּער וְכוּ׳, נָאךְ דְרֵיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן זֶען
~~~~~~~~~~

דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ גֵיי אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן, זָאל דֶער רֶבִּי שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר, זָאל עֶר מִיר זָאגְן אִיךְ דַארְף דִיר נִישְׁט, זָאל עֶר מִיר זָאגְן וָואס שְׁטֶערְסְטוּ מִיר, אַבִּי אִיךְ וִויל זֶען מַיין לֶעבְּן, מַיין רֶבִּי; אִיךְ וִויל הֶערְן דִי קוֹל פוּן מַיין לֶעבְּן, מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן׳, דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ דִי מְנִיעוֹת וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי יוּדְל אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֱמֶת דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער שֶׁקֶר מִתְגַבֵּר אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן שֶׁקֶר, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דֶעם שֶׁקֶר דֶעמָאלְט וֶוערְט פוּן ׳שֶׁקֶר׳ - ׳קֶשֶׁר׳״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״דוּ וֶועסְט שׁוֹין בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּ מִיר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן״.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער אִים מְבַלְבֵּל צוּ זַיין מִיט כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אוּן כָּל מִינֵי מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, אַבִּי עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַאכְן פוּן שֶׁקֶ״ר אַ קֶשֶׁ״ר שֶׁל קַיָּימָא נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ אוּן טְרַאכְט נִישְׁט וְכוּ׳; אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען אִם יִרְצֶה ה׳ מָארְגְן בַּיים שִׁיעוּר.

דוּ הָאסְט מִיר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען מִיט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט נִישְׁט אַרַיין מֶער דַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ׳ - אֵין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי הֶערְלִיכֶע נֵייעֶס אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן צְוֵויי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס מֵיינְט, אַ קִינְד פוּן עֶלְף יָאר אַלְט זָאל שׁוֹין הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט צְוֵויי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

מוֹהֲרַאָ״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַ סִיוּם מִשְׁנַיּוֹת פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: ״גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס, שְׁטֶעלְט אָפּ אַ
~~~~~~~~~~

מֶענְטְשׁ און פְרֶעגְט אִים צִי עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוֶענְדִיגְט מִשְׁנַיוֹת, וֶועט עֶר קוּקְן אוֹיף דִיר ווִי דו בִּיסְט גֶעפַאלְן פוּן דִי לְבָנָה", און בָּרוּךְ הַשֵּׁם דו נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ'; יֶעדֶעס מָאל פַאר דו גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶעלְן בַּיי דִי מְזוּזָה, לֵייג דַיין הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה און בֶּעט דִי וֶוערְטֶער: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם"**, און זָאג דֶעם פָּסוּק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיב מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן - וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס - מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת זָאל מֶען זָאגְן פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן.

וֶוען דו גֵייסְט נָאכְאַמָאל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר מַזְכִּיר זַיין בַּיים צִיּוּן און בֶּעטְן פַאר מִיר, מַיין נָאמֶען אִיז יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

### הַדְרָכָה פַאר אַ טִיטְשֶׁער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִין בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; דו קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ טִיטְשֶׁער, לֶערְנֶען אֱמוּנָה, צְנִיעוּת, יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידּוֹת טוֹבוֹת מִיט תַּלְמִידוֹת, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוער עֶס לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וָואס מֶען טוּט וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ תַּלְמִידָה און זִי וַוארְפְט עֶס צוּרִיק; לְמָשָׁל מֶען זָאגְט פַאר אַ מֵיידְל: "דו פָאלְגְסְט אַזוֹי שֵׁיין", וֶועט זִי דֶעמָאלְט דַוְקָא וַוייזְן אַז זִי פָאלְגְט נִישְׁט, וָואס זָאל מֶען טוּן?
~~~~~~~~~~

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן פָּשׁוּט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען אַ גוּט וָוארְט; גֶעוֶוענְלִיךְ קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ וואוּ דִי עֶלְטֶערְן צֶעבְּרֶעכְן דָאס קִינְד טָאג אוּן נַאכְט מִיט שַׁארְפֶע וֶוערְטֶער, דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי הֶערְן אַ גוּט וָוארְט וַוארְפְן זֵיי דָאס צוּרִיק, זֵיי קֶענֶען זָאגְן: ״שְׁטוּתִים, אִיךְ בִּין נִישְׁט ווָאוִיל וְכוּ׳״, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַּארְלוֹירְן, נָאר וַוייטֶער גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער בִּיז יֶענֶער לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס ווִי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט לִיבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כט): ״טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים״, אַלֶע הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער; מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט׳ן קִינְד ווִי אַזוֹי דָאס צוּ נֶעמֶען, מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן זָאגְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, אַז וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט עֶפֶּעס זָאגְט מֶען ״יְיַשֶׁר כֹּחַ״, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער זָאגְט אַ גוּט וָוארְט זָאגְט מֶען ״יְיַשֶׁר כֹּחַ״, אוּן מֶען שְׁפִּילְט אוֹיף אַ לֶעבֶּעדִיגֶע מָשָׁל אִין קְלַאס, מֶען רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אַ קִינְד (עֶנְדֶערְשׁ אַ קִינְד וָואס קֶען יָא נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער): ״דוּ בִּיסְט אַזוֹי ווָאוִיל״, אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיס: זָאג צוּרִיק פַאר דִי טִיטְשֶׁער יְיַשֶׁר כֹּחַ, מֶען אִיז מַסְבִּיר וָואס אַ גוּט וָוארְט אִיז וְכוּ׳ וְכוּ׳, בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט אוּן מֶען קֶען גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע צִי אִיר קֶענְט רוּפְן חַבֵר׳טֶעס אוֹיף שַׁבָּת אַיינְצוּשְׁטֵיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳; אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זָאלְסְט רוּפְן חַבֵר׳טֶעס צוּ דִיר אוֹיף שַׁבָּת, זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס דַארְף זַיין מִיט רְשׁוּת פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן פַאר אַ מֵיידְל, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ קֶענְסְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, אָבֶּער נִישְׁט אִין דִי צַייטְן וֶוען מֶענֶער דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט.

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען מֶעג צוּרִיק גְרוּסְן גוֹיִם וְכוּ׳; עֶלְטֶערֶע גוֹיִם וָואס גְרוּסְן דִיר זָאלְסְטוּ צוּרִיק גְרִיסְן, אָדֶער קֶענְסְטוּ זֵיי וַוייזְן מִיט דִי הַאנְט דֶער סִימָן פוּן פְרִידְן וְכוּ׳, אָבֶּער יוּנְגֶע גוֹיִם וָואס גְרוּסְן דִיר אִין גַאס זָאלְסְטוּ נִישְׁט צוּרִיק גְרוּסְן, זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן טוֹיבּ, שְׁטוּם אוּן בְּלִינְד, נִישְׁט גְרִיסְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַגָע וּמַשָׂא מִיט קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשׁ, נִישְׁט קַיין חִילוּק אַ גוֹי אָדֶער לְהַבְדִיל אַ אִיד. אַ מֵיידְל טָאר נִישְׁט רֶעדְן, גְרוּסְן אָדֶער שְׁמֵייכְלֶען צוּ פְרֶעמְדֶע וְכוּ׳.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט אוּן זִינְגְסְט תְּהִלִים, דוּ הַאלְטְסְט יֶעצְט בַּיי דִי זִיבֶּעצִיגְסְטֶע מָאל תְּהִלִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְן הַצְלָחָה מִיט דַיינֶע תַּלְמִידוֹת.

הַאלְט זִיךְ בְּקֶשֶׁר מִיט דַיין מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳.

...

~~~~~~~~~~~

**אוֹיף צְנִיעוּת דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט נָאר דַיין מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, עֶס אִיז אוֹיךְ מַיין מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה; פִּיל טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ פַארְגָאסְן פַאר עֶנְק, הוּנְדֶערְטֶער פְּתִיחַת הָאָרוֹן קוֹדֶשׁ פְלֶעג אִיךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין טַייעֶרֶער מַאן אוּן פַאר דִיר, אַסַאךְ נָאסֶע קִישֶׁענֶעס בַּיינַאכְט אִיז נַאס גֶעוָוארְן פוּן טְרֶערְן פַאר עֶנְק, אוּן בָּרוּךְ ה׳ תְּפִלָּה הֶעלְפְט, תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס קֶען אֲפִילוּ טוֹישְׁן דֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע פְּרַאגֶעס וֶועגְן צְנִיעוּת; עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף צְנִיעוּת פְּרַאגֶעס, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין אֵיידֶלְקֵייט, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין עֶרְלִיכְקֵייט״**, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארְקֵייט אוּן אַ זִיסְקֵייט, מֶען וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס מֶען דַארְף טוּן.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס פוּן עֶנְטְפֶערְן דִי פְּרַאגֶעס; אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ גוּטֶע עֵצָה דוּ זָאלְסְט וִויסְן יֶעדֶע זַאךְ יָא צִי נֵיין, שְׁטֵיי בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְ׳ן פָּנִים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוֹדֶם זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן מִיט דַאנְק אוּן לוֹיבּ, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן: ״וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ״, וֶוייַן אוּן וֶוייַן בִּיז דוּ וֶועסְט וִויסְן פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**הַדְרָכָה פַאר מֵיידְלֶעךְ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט נָאכְאַמָאל תְּהִלִּים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ גוּט קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְש"", אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְש הָאט אַ גוּטֶע טְרִינְק כַּאפְּט עֶר יֶעדֶע מָאל נָאךְ אַ טְרִינְק אוּן נָאךְ אַ טְרִינְק, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְש זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן שְׁפִּירְן וִוי יֶעדֶע קַאפִּיטְל אִיז וִוי אַ גוּטֶע טְרִינְק; אִין תְּהִלִּים לִיגְט בַּאהַאלְטְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוִויסְט אַז אִין תְּהִלִּים לִיגְט בַּאהַאלְטְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואלְט מֶען גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

אוֹיבּ דַיין מַאמֶע דַארְף דַיין הִילְף אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ גְלַייךְ פַארְמַאכְן דֶעם תְּהִלִּים אוּן גְלַייךְ לוֹיפְן מִיט אַ שִׂמְחָה אִיר הֶעלְפְן; תְּהִלִּים זָאלְסְטוּ זָאגְן וֶוען אַלֶעס אִיז רוּאִיג אִין שְׁטוּבּ אוּן אַלֶעס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אַנְשְׁטָאט זִיצְן אוּן קְלָאצְן אוּן זָאגְן: 'אִיךְ בִּין אוּמֶעטִיג, בָּארְ"ד', זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעמָאלְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן זָאגְן אוּן זִינְגֶען אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל.

לֵיין נִישְׁט קַיין מַאגֶעזִינֶען – נִישְׁט קַיין גוֹי'שֶׁע אוּן נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע; לֵיין מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִיקִים, לֵיין דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל. וֶוער עֶס לֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֵוייסְט שְׁטֶענְדִיג וָואס צוּ טוּן אִין לֶעבְּן אוּן וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, בֶּעט דַיין טַאטֶע אַז עֶר זָאל אַהֵיים בְּרֶענְגֶען יֶעדֶע וָואךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע קוּנְטְרֶס פַאר דִיר פְּרִיוַואט, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶערְנֶען דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

קוּק נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, לֶעבּ מִיט דִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר בַּאשַׁאפְן אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז דָאס גוּט פַאר דִיר, מֵיין נִישְׁט אַז דַיין חַבֶר'טֶע הָאט בֶּעסֶערְס, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן תָּם; וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין דִיר מַחְשָׁבוֹת פוּן חַבֶר'טֶעס, דוּ טְרַאכְסְט אַז זֵיי הָאבְּן מֶער פוּן דִיר אוּן פַאר זֵיי גֵייט בֶּעסֶער פוּן דִיר וְכוּ', זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אַיין חַזֶר'ן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם): "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה"; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ וָואס דֶער תָּם הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט, יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט דִיר אוּן טוּט דִיר וֵויי, בֶּעט דֶערוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## טְרָאגְן דִי קָמֵיעַ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִין סְקוּל צְווִישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ קֶענְסְטוּ גֵיין מִיט דִי קָמֵיעַ אוֹיף דִי קְלֵייד, אוֹיךְ וֶוען דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּב דָארְט קֶענְסְטוּ דָאס גֵיין אוֹיפְ׳ן קְלֵייד, אָבֶער וֶוען דוּ גֵייסְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ אַרַיין לֵייגְן דִי קָמֵיעַ אוּנְטֶער דִי קְלֵייד, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְן צוּטוּן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

## נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין אַ טֶעלֶעפָאן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): הִלֵּל הַזָּקֵן פְּלֶעגְט זָאגְן: ״וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד״, דֶער וָואס שֶׁעמְט זִיךְ וֶועט נִישְׁט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְן, ״וְלֹא הַקַּפְּדָן מְלַמֵּד״, אוּן אַ רֶבִּי וָואס רֶעגְט זִיךְ וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים צוּ סַאךְ שְׁאֵלוֹת קֶען נִישְׁט זַיין קַיין רֶבִּי; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ פְרֶעגְן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן מִיט אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אוֹיף אַלֶע דַיינֶע פְרַאגֶעס.

בְּנוֹגֵעַ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע וְכוּ׳; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פוּן אַ סִידוּר וִוי אֵיידֶער צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוֹיף אַ טֶעלֶעפָאן; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ לֶעבְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאן, נוּץ דֶעם טֶעלֶעפָאן נָאר צוּ רֶעדְן וְכוּ׳, אָבֶער פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן, וִוי לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ סִידוּר. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דַאוֶוענֶען טָאר מֶען אַוַדַאי נִישְׁט מִיט אַ טֶעלֶעפָאן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צו, סְעִיף א; מִשְׁנָה בְּרוּרָה סְעִיף קָטָן ה) אַז מֶען טָאר נִישְׁט הַאלְטְן אִין דִי הַאנְט בִּשְׁעַת מֶען דַאוְונְט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס מֶען הָאט מוֹרָא אַז עֶס וֶועט אַרָאפּ פַאלְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת וֶוען עֶס זֶענֶען דָא פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן; אַ מֵיידְל אוּן אַ פְרוֹי טָארְן נִישְׁט זִינְגֶען וֶוען עֶס זֶענֶען דָא פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, עֶס
~~~~~~~~~~

וואוּנְדֶערְט מִיר וִוי עֶס קֶען זַיין אַזָאנְס אַז אַ טַאטֶע זָאל פַארְלַאנְגֶען פוּן אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל אַזַא זַאךְ, קֶען זַיין אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דִי פְרַאגֶע. מֶען טָאר נִישְׁט מִיט זִינְגֶען אֲפִילוּ שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּן אֲפִילוּ דֶער טַאטֶע הֵייסְט דַארְף מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מִיט זִינְגֶען.

בְּנוֹגֵעַ שְׁלָאפְן מִיט הוֹיזְן; אַ מֵיידְל טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט הוֹיזְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק בַּייטָאג אָדֶער בַּיינַאכְט, אָדֶער בַּיי עֶקְסֶערְסַייז (אִיבּוּנְגֶען); הוֹיזְן פַאר אַ מֵיידְל אִיז פְּרִיצוּת. אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט אוּן עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ אָפְּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען מֶער שְׂכַר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", וִוי שְׁוֶוערֶער עֶס קוּמְט אָן צוּ מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה אַלְץ מֶער שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ; דוּרְךְ תְּפִילָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּכִים טוֹבִים וְהַגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה סַיי פַאר אַ בָּחוּר אוּן סַיי פַאר אַ מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן אוֹיבּ דִי מַעֲשֶׂה פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל, הֱיוֹת דַיינֶע עֶלְטֶערְן פָארְן אַוֶועק כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ אִין הָאטֶעלְס וְכוּ'.

אַ מֵיידְל טָאר נִישְׁט שְׁפִּילְן, רֶעדְן אוּן לַאכְן מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ; אַז דֶער בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִיר אוּן אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט פוּן דַיין הַאנְט וְכוּ' וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק גֵיין פוּן אִים, נִישְׁט אִים נָאכְלוֹיפְן עֶס צוּרִיק נֶעמֶען. וַוייל דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי זוּכְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען אָנְהֵייבְּן שְׁמוּעֶסְן, לַאכְן אוּן רֶעדְן וְכוּ', וְכוּ' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דִי עֵצָה אִיז נִישְׁט אָנְצוּהֵייבְּן הָאבְּן מִיט זֵיי גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי
~~~~~~~~~~~

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת (אוֹת נִאוּף, סִימָן י): "לֹא תִּכָּנֵס עִם פִּתּוּיֵיךְ בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן", מֶען זָאל נִישְׁט אָנְהֵייבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ סְתַּם רֶעדְן אָדֶער טַעְנֶה'נֶען; וַוייל דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי כַאפְּן אַרַיין מֶענְטְשְׁן אִין זֵייעֶר זַאק. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיים שְׁלַאנְג וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּרֶעדְן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּן חַוָּה זֵיי זָאלְן עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן? עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ חַוָּה סְתַּם שְׁמוּעֶסְן, עֶר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט עֶסְן פוּן דִי פֵיינֶע בֵּיימֶער?" זָאגְט רַשִׁ"י (בְּרֵאשִׁית ג, א, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל: אַף כִּי אָמַר וְגוֹ'): "עֶר הָאט דָאךְ גֶעזֶען וִוי זֵיי עֶסְן פוּן דִי פְּרוּכְט פוּן דִי בֵּיימֶער, פַארְוָואס הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה? נָאר עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אָנְהֵייבְּן רֶעדְן מִיט זֵיי", בִּיז עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶערֶעדְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה, אוּן אָדָם אוּן חַוָּה זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דֶעם.

דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ גְרוֹיס מֵיידְל אוּן דָאס בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר דִיר אִיז צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב, וַוייל וֶוען מֶען פָּארְט אִין הָאטֶעל דַארְף מֶען הָאבְּן עֶקְסְטֶערֶע שְׁמִירָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת דֶּרֶךְ, חֵלֶק ב', סִימָן ו): "הַדְּרָכִים מְבִיאִים אֶת הָאָדָם וְכוּ'", צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; אוֹיב דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, דַיינֶע עֶלְטֶערְן פָּארְן כְּסֵדֶר אַוֶועק זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט בָּחוּרִים אָדֶער גְרוֹיסֶע אִינְגְלֶעךְ, אַנְטְלוֹיף פוּן זֵיי אַזוֹי וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַ פֵייעֶר.

נֶעם זִיךְ מִיט אַ סֵפֶר תְּהִלִּים, אַשְׁרֵי בַּנַּחַל אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - דָאס זָאלְן זַיין דַיינֶע סְפָרִים, דַיין פַארְמֶעגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן קוּקְן מָאוִויס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ בַּייטָאג וְכוּ'; אִיז מוּתָּר.

אָבֶּער דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע אִיז מִיר אַ שְׁטִיקֶל וואוּנְדֶער; דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעלֶערְנְט אַזוֹיפִיל יָארְן אִין יְשִׁיבָה, וָואלְסְטוּ אַלֵיינְס גֶעדַארְפְט וִויסְן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן קוּקְן מָאוִויס, אֲפִילוּ פוּן בְּהֵמוֹת אוּן חַיוֹת וְכוּ'.
~~~~~~~~~~

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין צֶעטְל קָטָן (סִימָן ז): "כְּשֶׁיָּבֹא, חַס וְשָׁלוֹם, לְיָדוֹ בְּהִזְדַּמְּנוּת כְּנֶגְדּוֹ הִסְתַּכְּלוּת רָעָה, חַס וְשָׁלוֹם" וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, "וּכְגוֹן בְּהֵמָה וְחַיָּה אוֹ עוֹף שֶׁנִּזְקָקִין זֶה לָזֶה", ווִי לְמָשָׁל בְּהֵמוֹת אוּן חַיּוֹת וְכַדּוֹמֶה, "... וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן; יֹאמַר תֵּיכֶף וּמִיָּד הַפָּסוּק: וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם, וְלֹא יְטַמֵּא אֶת שִׂכְלוֹ חַס וְשָׁלוֹם", זָאל מֶען גְלַייךְ חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר טו, לט): "וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם", אוּן מֶען זָאל נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין דֶעם שֵׂכֶל אוּן מַחְשָׁבָה; חַס וְשָׁלוֹם צוּ קוּקְן מָאוּוִיס, אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ. אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַריין נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם מָאוּוִיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן חַיּוֹת, בְּהֵמוֹת אָדֶער פוּן מֶענְטְשְׁן.

בִּפְרָט יֶעצְט וֶוען דַיין וַוייבּ וַוארְט לְמַזָּל טוֹב פִירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין אַ טִיעֶר גָארְטְן (זוּ) אַז דִי פְּרוּי זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דְבָרִים טְמֵאִים כְּדֵי דָאס קִינְד זָאל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוּוִיס.

ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ פְרֶעגְסְט יֶעדֶע זַאךְ, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִּיקִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ, עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה, שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", וֶוער עֶס פְרֶעגְט אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת פוּן זַיין רֶבִּי אוּן אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים פְרֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶערֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ווִי זַיין רֶבִּי; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.): דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת: מְפִיבֹשֶׁת רַבִּי, יָפֶה דַּנְתִּי? יָפֶה חִיַּבְתִּי? יָפֶה זִכִּיתִי? יָפֶה טִהַרְתִּי? יָפֶה טִמֵּאתִי?"; דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ זוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער אִין לֶערְנֶען פוּן זַיין רֶבִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### אֱמוּנָה בּוֹיעֶט אוֹיף דָאס זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט מְחַזֵּק זַיין אַייעֶר חַבֶר'טֶע, בִּפְרָט אַז זִי אִיז אַייךְ
~~~~~~~~~~~

גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וִוי אַ מְנֻוָּל לָאקֶערְט אוֹיף אִיר, זָאלְט אִיר זֶען צוּ רֶעדְן מִיט אִיר.

דֶער עִיקָר זָאלְן דִי דִיבּוּרִים זַיין פוּן אֱמוּנָה, ווייל ווען מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים; מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְּן אִים. אֱמוּנָה בּוֹיעֶט אוֹיף דָאס זֶעלְבְּסְטזִיכֶערְקֵייט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק און מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ צוּזַאמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט נָאךְ חַבֶר׳טֶעס זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת און חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ אַייךְ אָנְגְרֵייטְן אַ שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**שְׁטַארְק דִיךְ מִיט תְּפִלָּה און סַבְלָנוּת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער שְׁוֶועסְטֶער ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ וויל דִיר גֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל גְרוּס פוּן דַיין טַייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין. עֶר פָאלְגְט אַלֶעס וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט, עֶר דַאוְונְט אוֹיף אִין פְּלַאץ מִיט הִתְלַהֲבוּת, חֵשֶׁק און שִׂמְחָה..

נָאכְן עֶסְן קוּמְט עֶר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְ׳ן קוֹל, מִיט זַיין זִיסֶע קוֹל; דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה וָואס עֶר זָאגְט גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ זֵייעֶר מִיט דֶעם.

עֶר זִיצְט נֶעבְּן מִיר אַ גַאנְצְן טָאג; אִיךְ גֶעב זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף אִים, אוֹיךְ דִי בָּחוּרִים זֶענֶען זֵייעֶר פְרַיינְטְלִיךְ צוּ אִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, און שְׁטַארְק זִיךְ מִיט סַבְלָנוּת; מֶען קֶען נָאר זַיין שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה אוֹיבּ מֶען הָאט סַבְלָנוּת אוֹיס צוּ וַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה.

פוּן דַיין בְּרוּדֶער, דַיין זוּנְ׳ס רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דִיר צוּ טְרֶעפְן לֶערְנֶען פַּארְטָאגְס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט דִיר צוּ זֶען לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל בּוֹקֶר זֶעקְס אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס אַזוֹי פְלַייסִיג בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

אִיךְ הָאבּ בְּדַוְקָא נִישְׁט גֶעזָאגְט פָארְאוֹיס אַז אִיךְ גֵיי קוּמֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זֶען וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס אַ פְּשׁוּט׳עֶ טָאג אָן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער מִיט מַיין אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאף צוּ פּוֹעֵל׳ן בַּיי נָאךְ אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן קוּמֶען לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל פַּאר׳ן דַאוֶוענֶען; עֶס מוּז נִישְׁט זַיין אַז אַלֶע זָאלְן לֶערְנֶען דֶעם לִימוּד הִלְכוֹת טָהֳרָה - טוּר, בֵּית יוֹסֵף, בַּ״ח, שֻׁלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳. אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ נָאךְ אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן קוּמֶען לֶערְנֶען פַּארְטָאגְס זֵייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע שִׁיעוּרִים, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, וַוייל דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען הוֹיבְּט דָאס אָן מִיט תּוֹרָה.

וַוייז דֶעם בְּרִיוּו פַאר דַיין וַוייבּ, זָאל זִי אוֹיךְ הַנָאָה הָאבְּן אַז אִיר מַאן לֶערְנְט פְלַייסִיג. זָאג אִיר אַז אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אִיר בְּרִיוּו, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דִי שְׁכִינָה רוּט צְוִוישְׁן אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**מַאךְ פְרֵיילִיךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר; אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקֶסְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן אוֹיךְ שְׁטַארְקֶסְטוּ דַיין וַוייבּ.

זֶע צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים; אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ אוֹיף, זָאלְסְטוּ טַאנְצְן מִיט זֵיי. צִינְד זֵיי אָן מוּזִיק הוֹיךְ אוּן גֵיי אַ טֶענְצְל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אָן אַ שִׁיעוּר. אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן דַיינֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טַאנְצְן; טַאנְץ שְׁטִילֶערְהֵייט.

דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען הַצְלָחָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט
~~~~~~~~~~~

(סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן א) : ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד״, וָוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, ״עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״, וָועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי בְּרִיוו ; שְׁרַייבּ מִיר אֲפִילוּ אַפָּאר וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּה זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**וֶוען מְ׳גֵייט לֵיידִיג, הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין כֹּחַ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זָאג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ אַז וִוי מֶער זִי וֶועט טוּן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן, אַלְץ מֶער כֹּחַ וֶועט זִי הָאבְּן.

בִּכְלָלִיוּת אִיז דָאס אַן עֵצָה פַאר כֹּחַ ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג מַאכְט דָאס אִים דִיפְּרֶעסְט אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ, ווידֶער וֶוען מֶען גֵייט נִישְׁט לֵיידִיג, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן דָאס בְּרֶענְגְט כֹּחַ.

בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט גָאר גוּטֶע אוּן וִויכְטִיגֶע זַאכְן, מֶען הֶעלְפְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין רֶגַע לֵיידִיג, - דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען הִימְל׳ישֶׁע כֹּחוֹת פַאר אַלֶעס, מֶען בַּאקוּמְט אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט אוּן אַ בְּרָכָה אִין אַלֶעס.

דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ אִין אַזַא שֵׁיינֶע הֵיילִיגֶע פְּלַאץ ״קִרְיַת בְּרֶסְלֶב״, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ דָארְט אַ רֵיחַ אַזוֹי וִוי ״יַבְנְאֵל״, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ; זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**אַ גְרָאדֶער מֹחַ אִיז מֶער וִוי גֶעלְט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י׳ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ בְּרָכָה : ״זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, זָאלְסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר״,

און איך גִּיב דיר נָאךְ אַ בֶּעסֶערֶע בְּרָכָה: "דַיין קָאפּ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט לִיגְן אִין גֶעלְט, דַיין קָאפּ זָאל בְּלַייבְּן שְׁטֵיין גְרָאד בַּיים רֶבִּי'ן".

אָךְ און וֵויי פַאר דִי פְּרִישֶׁע אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וָואס הָאבְּן אַמָאל גֶעהַאט אַ טַעַם אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זֵייעֶר הַארְץ הָאט גֶעפְּלַאקֶערְט און גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און הַיינְט אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה גֶעלְט, גֶעלְט און גֶעלְט.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר, אַז בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי זָאלְסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, אָבֶּער דַיין הַארְץ, קָאפּ און מֹחַ זָאל בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.

זָאג אָמֵן; אַסַאךְ מָאל גֶעבְּט מֶען אֵיינֶעם אַ בְּרָכָה און דִי בְּרָכָה בְּלַייבְּט אִין דִי לוּפְט, בִּיז יֶענֶער זָאגְט נִישְׁט "אָמֵן", קוּמְט עֶס נִישְׁט אָן צוּ אִים.

...

~~~~~~~~~~

## אַן עֵצָה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד תַּלְמִידֵי הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

זָאג דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְ'ן סוֹף; וָואס דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, 'קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה'; וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דָאס זָאגְן, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גּוּף, און עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**אַ קִינְד אִיז נִישְׁט דֶער מַחְלִיט אִין שְׁטוּב וָואס צוּ טוּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ג חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

לְדַעְתִּי אִיז נִישְׁט גוּט אַז אִיר גֶעבְּט נָאךְ פַּארְ'ן קִינְד וְכוּ', ... נֵרוֹ יָאִיר דַארְף שׁוֹין צוּרִיק גֵיין אִין חֵדֶר.

אַ קִינְד אִיז נִישְׁט דֶער מַחְלִיט אִין שְׁטוּב וָואס צוּ טוּן, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען דִי וָואס זָאגְן וָואס צוּ טוּן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד הֶערְט "נֵיין" אָדֶער "יָא" אוּן עֶר דַארְף פָּאלְגְן, נִישְׁט אַלְץ דַארְף מֶען נָאכְגֶעבְּן פַּארְ'ן קִינְד.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיטְ'ן מְלַמֵד עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט אִים, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע הֶרְגֵשִׁים וְכוּ'.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~